**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/11/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אנהויב פון $6.2 מיליאן פראיעקט צו איבערבויען CARPENTER'S FLATS בריק איבער די אוסיבל ריווער אין קלינטאן קאונטי**

***היסטארישע בריק וואס פירט סטעיט רוט 9 וועט געהעכערט ווערן צו פארמיידן מעגליכע פארפלייצונג און אייז פארשטעקונג וואס שעדיגט די בריק***

גאווערנער האקול האט היינט אנאנסירט דאס אנהויב פון א $6.2 מיליאן פראיעקט צו שטארקן די היסטארישע Carpenter's Flats בריק, וועלכע פירט סטעיט רוט 9 איבער די אוסיבל ריווער אין קלינטאן קאונטי. די פראיעקט וועט העכערן די אייזענע באזע בריק מיט דריי-און-א-האלב פיס און מאכן אנדערע פארבעסערונגען צו העלפן פארמינערן די שאדן פון אייז פארשטעקונגען, אראפברענגען די צאל פעלער פון פארפלייצונג און פארמערן זיכערהייט אויף די וויכטיגע דורכגאנג פאר צפון קאנטרי רייזנדע. סטעיט רוט 9 ברענגט צוזאם די קאמיוניטיס לענגאויס די מערב ברעג פון לעיק טשאמפלעין און ווערט גענוצט דורך רייזנדע צו אנקומען צום סיטי פון פלאטסבורג, די סטעיט פון ווערמאנט, די קאנאדישע גרעניץ און אנדערע באקאנטע צילן אינעם ראיאן.

"אינעם צייט וואס אומצאליגע קאמיוניטיס איבער די סטעיט זעצן פאר זיך צו ערהוילן פון די ענדע וואך'ס גאר שעדליכע פארפלייצונג, בלייבן מיר אנטשלאסן צו שטארקן ניו יארק סטעיט'ס טראנספארטאציע אינפראסטרוקטור," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "העכערן די היסטארישע בריק איבער די הערליכע אוסיבל ריווער וועט ערמעגליכן פאר לאקאלע רייזנדע און טוריסטן צוגלייך צו פארן איבער די וויכטיגע פונקט אין די צפון קאנטרי אומגעשטערט און וועט העלפן פארזיכערן אז מיר זענען צוגעגרייט צו ערפילן די שוועריקייטן פון קלימאט ענדערונגען מיט א שטארקייט."

די Carpenter's Flats בריק, וועלכע איז געבויעט געווארן אין 1941, ווערט ארויסגערעכנט אויף די נאציאנאלע רעגיסטער פון היסטארישע ערטער און איז אנגעקוקט אלץ א הויפט ביישפיל פון מיטל-20סטע יאר הונדערט בריק ענדזשינירן און אויפבוי. פארענדיגן די 255-פיס-לאנגע בריק האט געהאלפן פארוואנדלען סטעיט רוט 9 צו א הויפט צפון-דרום הויפט שאסיי און האט פארגרינגערט טראנספארטאציע לענגאויס די ראיאן.

אלץ טייל פון די פראיעקט, וועט די אייזענע באזע, וועלכע איז די לעצטע מאל פארראכטן געווארן אין 1994, באקומען קליינע פארערכטונגען און וועט געהעכערט ווערן צו איר נייע הויכקייט איידער די נייע צעמענטענע קעפלעך ווערן געגאסן פון אויבן די סאב-סטרוקטור צו פאסן די נייע הויכקייט. אויך, וועט די וועג ארויף צום בריק ווערן פארראכטן, און די זיכערהייט ווענט וועלן אויך ווערן פארראכטן אויפ'ן היינטיגן סטאנדארט.

דורכאויס די בוי-ארבעט, וועלן קארס געשיקט ווערן דורך אן אנדערע וועג ארום די בוי-ארבעט ארט נוצנדיג סטעיט רוט 9 און N9, ווי אויך סטעיט רוט 22 און 422. די אנדערע וועגן וועלן ווערן קלאר

געשילדעט, און עלעקטראנישע מעלדונג טאוולען וועלן ארויפגעלייגט ווערן צו מעלדן פאר רייזנדע איבער די בוי-ארבעט. דער פראיעקט איז ערווארטעט צו פארענדיגט ווערן ביז הערבסט פון 2023.

די פראיעקט איז טיילווייז פינאנצירט דורך די פעדעראלע עמערזשענסי פארוואלטונג אגענטור ( Federal Emergency Management Agency, FEMA) אין צוגאב צו סטעיט פינאנצירונג.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו טראנספארטאציע קאמיסיאנערין מארי טערעסע דאמינגעז האט געזאגט,** "אינעם צייט וואס אונזער קלימאט האלט זיך אין איין טוישן, מאכט ניו יארק סטעיט די נויטיגע אינוועסטירונגען צו מאדערנעזירן אונזער אינפראסטרוקטור און פארזיכערן אז עס איז גרייט צו ביישטיין אלע שוועריקייטן וואס מוטער נאטור האט פאר אונז. די פארבעסערונגען וואס מיר מאכן צום Carpenter's Flats בריק וועט העלפן פארמינערן די פרילינג אייז פארשטעקונג וועלכע זענען געווארן א באקאנטע ערשיינונג ביי דעם ארט און פארזיכערן אז די היסטארישע סטרוקטור זאל ווייטער דינען צפון קאנטרי רייזנדע, און אינעם זעלבן צייט פארבעסערן שטארקייט און פעסטקייט אינעם ראיאן."

**סענאט מאיאריטעט פירערע טשארלס שומער האט געזאגט,** "Carpenter's Flats בריק, וועלכע פירט סטעיט רוט 9, איז א וויכטיגע באהעפטער אין די צפון קאנטרי וואס ווערט גענוצט יעדן טאג דורך איינוואוינער צו רייזן פון פלאסבורג קיין ווערמאנט און טוריסטן לענגאויס די ברעג פון לעיק טשאמפלעין, אבער פאר יארן, האט איר אלע אינפראסטרוקטור געדארפט לאנג שולדיגע פאררעכטונגען צו פארזיכערן די שטארקייט פון די דורכגאנג פאר די לענגערע צוקונפט. דאס איז פארוואס איך בין אזוי שטאלץ צו האבן געהאלפן מיט צוברענגען די וויכטיגע פעדעראלע פינאנצירונג צו פאררעכטן די וויכטיגע באהעפטונג איידער די אלטקייט מאכט עס צו שווער צו פאררעכטן. די גאר וויכטיגע אינוועסטירונג וועט העלפן פארמינערן די שאדן פון אייז פארשטעקונגען, אראפברענגען די צאל פעלער פון פארפלייצונג, און פארמערן זיכערהייט אויף די וויכטיגע דורכגאנג, שטארקנדיג די צפון קאנטרי עקאנאמיע און געבנדיג פאר רייזנדע א זיכערע, פארלעסליכע רייזע."

**סטעיט סענאטאר דאניעל סטעק האט געזאגט,** "אזוויווי מיר האבן געזען נאך די לעצטע פארפלייצונג און גאס שאדן אין קלינטאן קאונטי, נויטיגט זיך א באדייטנדע אינוועסטירונג אין אונזער לאקאלע אינפראסטרוקטור. די Carpenter's Flats בריק פאררעכטיגונג פראיעקט איז א וויכטיגע פראיעקט וואס וועט העלפן פארזיכערן רייזנדע זיכערהייט און פארמינערן צו ווארשיינליכקייט פון שווערע שאדן פון א שטורעם פאר די וויכטיגע בריק. איך בין צופרידן צו זען עס מען הויבט אן ארבעטן דערויף."

**אסעמבלימיטגליד בילי דזשאונס האט געזאגט,** "עס איז זייער וויכטיגע אז די גאסן און בריקן וואס מיר נוצן יעדן טאג זענען פארזיכערט. NYSDOT'ס פאררעכטיגונג פראיעקט ביים Carpenter's Flats בריק איבער די אוסיבל ריווער וועט נישט בלויז פארזיכערן פובליק זיכערהייט נאר עס וועט אויך העכערן די בריק צו קענען בעסער מיטמאכן אייז פארשטעקונגען און אנדערע שווערע וועטער אומשטענדן. אינעם צייט וואס מיר מאכן ווייטער מיט שווערע וועטער אין די ראיאן, ווייסן מיר פערזענליך די שאדן פון קלימאט ענדערונגען און ווי וויכטיג עס איז צו מאכן די ענדערונגען צו אונזער אינפראסטרוקטור."

**פערו טאון סופערוויזער ברענדי מקדאנעלד האט געזאגט,** "איך שפיר אז דאס איז א געוואלדיגע פראיעקט וואס דארף ווערן געטון פאר די זיכערהייט פון אייז פארשטעקונגען און פארפלייצונג. איך אנערקען די געדולד פון די מענטשן וואס וואוינען אויף ביידע זייטן פון די בריק דורכאויס די צייט פון די איבערבוי."

דרייווערס ווערן ערמוטיגט צו פארן שטייטער און צו דרייווען פאראנטווארטליכערהייט אין ארבעט'ס זאנעס. קנסות זענען געטאפלט פארן פארן שנעל אין אן ארבעט'ס זאנע. געפונען ווערן שולדיג פאר צוויי

אדער מער פארלעצונגען פון פארן שנעלער ווי ערלויבט אין אן ארבעט'ס זאנע קען ברענגען אז דעם מענטשן'ס דרייווער'ס לייסענס זאל ווערן סאָספענדעד.

פאר די לעצטע אינפארמאציע איבער די געסער, רופט 511, באזוכט www.511NY.org אדער דאַונלאָודט די אומזיסטע NY511 טעלעפאן עפּ.

פאלגט נאך ניו יארק סטעיט DOT אויף Twitter: @NYSDOT און @NYSDOTWatertown. געפונט אונז אויף פעיסבוק אויף facebook.com/NYSDOT.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן